ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# מעילה

בלשון הקודש
ואידיש

**287**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת מעילה

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז"ל בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע"ב, למען יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א'.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

מפני שהן מובחרין מהן. ת"ל (ויקרא ד) ואם כבש יביא קרבנו לחטאת. מלמד ששניהם שקולין. תורין קודמין לבני יונה בכל מקום. יכול מפני שהן מובחרים מהן. ת"ל (שם יב) ובן יונה או תור לחטאת מלמד ששניהן שקולין. האב קודם לאם בכל מקום. יכול שכבוד האב עודף על כבוד האם. ת"ל (שם יט) איש אמו ואביו תיראו. מלמד ששניהם שקולים. אבל אמרו חכמים. האב קודם לאם בכל מקום. מפני שהוא ואמו חייבין בכבוד אביו. וכן בתלמוד תורה. אם זכה הבן

קודמים לעזים. בכל דוכתא הקדים הכתוב כבשים לעזים. דכתיב (שמות יב) מן הכבשים ומן העזים תקחו (במדבר טו) או לשה בכבשים או בעזים. יכול האומר הרי עלי עולה. ויש לו כבש ועז יביא כבש דוקא. ת"ל אם כבש יביא קרבנו. ולעיל מיניה כתיב והביא את קרבנו שעירת עזים. כאן הקדים עז לכבש ללמד ששניהם שקולים. ואי זה מהן שירצה יביא: תורים קודמין לבני יונה. דברוב מקומות כתיב ברישא תורין. והדר בני יונה: אם זכה הבן לפני הרב. שרוב חכמתו למד

---

אשעפס איז בעסער (תלמוד לומר) שטייט אין פסוק (והביא את קרבנו שעירת עזים. ער זאל ברענגען זיין קרבן אציג. דער נאך שטייט אין פסוק (ואם כבש יביא קרבנו לחטאת) אויב ער וועט ברענגען זיין קרבן אשעפס פאר אחטאת. האט די תורה פריער געזאגט ער זאל ברענגען אציג. אונ אויב ער וויל קען ער ברענגען אשעפס. שטייט שוין דא אציג פריער ווי אשעפס (מלמד ששניהם שקולים) לערנט אונז דער פסוק אז זיי זענען ביידע גלייך. אונ מען מעג ברענגען וועלכע מען וויל. ציגען אדער שעפסין (תורין קודמין לבני יונה בכל מקום) ביי אלע קרבנות שטייט אין די תורה אלטע טויבין פריער ווי יונגע טויבין. ועס שטייט תורים ובני יונה) (יכול מפני שהן מובחרים מהן) וואלט איך מיינען ווייל אלטע טויבין איז בעסער ווי יונגע טויבין (תלמוד לומר) שטייט אין פסוק (ובן יונה או תור לחטאת) מען זאל ברענגען איונגע טויב אדער אאלטע טויב פאר אחטאת. שטייט איונגע טויב פריער ווי אאלטע טויב (מלמד ששניהם שקולין) לערנט דער פסוק אז זיי זענען ביידע גלייך. אונ מען מעג ברענגען וועלכע מען וויל. איונגע טויב אדער אאלטע טויב (האב קודם לאם בכל מקום) אין די גאנצע תורה ווא עס שטייט דער נאמען פאטער אונ מוטער. שטייט פריער דער פאטער דער נאך די מוטער. אזוי ווי עס שטייט "כבד את אביך ואת אמך" (יכול שכבוד אב עודף על כבוד אם) וואלט איך מיינען אז מען דארף געבין דעם פאטער מער כבוד ווי די מוטער (תלמוד לומר) שטייט אין פסוק (איש אמו ואביו תיראו) יעדער מענטש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער אונ פאר זיין פאטער. שטייט פריער די מוטער דער נאך דער פאטער (מלמד ששניהם שקולים) לערנט אונז דער פסוק אז זיי זענען ביידע גלייך (אבל אמרו חכמים) נאר די חכמים האבען געזאגט (האב קודם לאם בכל מקום) אויב דער פאטער פערלאנגט פון זוהן ער זאל אים בעדינען. אונ די מוטער פערלאנגט פון זוהן ער זאל איר בעדינען. זאל ער פריער בעדינען דעם פאטער. דער נאך זאל ער בעדינען די מוטער (מפני שהוא ואמו חייבין בכבוד אביו) ווייל דער זוהן אונ די מוטער ביידע מוזן בעדינען אונ געבין כבוד דעם פאטער (וכן בתלמוד תורה) אונ אזוי איז דער דין ביי תורה לערנען (אם זכה הבן לפני הרב) אויב דער זוהן האט זוכה געוועזן צוא לערנען תורה ז

אמו : קודם את האב . בכל מקום כגון להשיב אבידה ולפדות מבית השבי ולהחיות ולפרוק עמו . ואם אביו תלמיד חכם . אע"פ שאינו שקול כנגד רבו אביו קודם לרבו . ואפי' רבו מובהק :

לפני הרב. קודם את האב בכל מקום. מפני שהוא ואביו חייבין בכבוד רבו :

סליק מסכת כריתות

# מסכת מעילה

**קדשי** קדשים ששחטן בדרום . מועלין בהן . שחטן בדרום וקבל דמן בצפון . בצפון וקבל דמן בדרום . שחטן ביום וזרק בלילה . בלילה . וזרק ביום . או שחטן חוץ לזמנן וחוץ למקומן . מועלין בהן ,

**קדשי** קדשים ששחטן בדרום . אע"ג דדינן להשחט בצפון . לא תימא כמאן דהקדישנהו דמו . והוו כקדשים שמתו שיצאו ידי מעילה דבר תורה קמ"ל . דקדשים שמתו לא חזו כלל . אבל דרום כיון דאינו ראוי לקדשי קדשים . אבל ראוי הוא לקדשים קלים הלכך מועלין בהן ומי שנהנה מהם שוה פרוטה מביא קרבן מעילה . ולא בלבד כי נשחטו בדרום וקבל דמן בצפון . הוא דמועלין בהן משום דעיקר עבודה בצפון הוי [כדין] דמקבלה ואילך מצות כהונה . אלא אפילו שחטן בצפון וקבל דמן בדרום . אע"ג דעיקר עבודה הויא בדרום שלא כדין . אפ"ה מועלין בהן : וזרק דמן בלילה . אע"ג דלילה לאו זמן הקרבה . מועלין בהן : בלילה וזרק דמן ביום . האי כל בהן הוא דמועלין . דהא זרק ביום דעיקר עבודה הוא אלא זו ואין צריך לומר זו קתני : או ששחטן בצפון . וחשב עליהן לאכלן חוץ לזמנן שהוא פגול שיש בו כרת . או חוץ למקומן

---

ביא זיין רבי (קודם את האב בכל מקום) איז דער רבי פריער פאר זיין פאטער צו יעדער זאך (מפני שהוא ואביו חייבין בכבוד רבו) ווייל ער אונ זיין פאטער זענען מחויב צוא געבין כבוד דעם רבי . דאס איז נאר אז דער פאטער איז אעם הארץ . אבער אז דער פאטער איז אלמדן . אפילו ער איז ניט אזוי אלמדן וויא דער רבי . פון דעסטוועגין איז דער פאטער פריער וויא דער רבי :

פרק א א (קדשי קדשים ששחטן בדרום) אז מען האט גישאכטין אחטאת אדער אאשם אין דרום זייט פון מזבח (מועלין בהן) אויב מען האט הנאה פון זייא דארף מען ברייניגען אקרבן מעילה (שחטן בדרום וקבל דמן בצפון) אויב ער האט זייא גישאכטין אין דרום זייט פון מזבח אונ ער האט צו גינומען אין אבעקין דיא בלוט פון זייא אין צפון זייט פון מזבח . אדער פאר קערט איז גיוועזן (בצפון וקבל דמן בדרום) ער האט זייא גישאכטין אין צפון זייט פון מזבח . אונ ער האט צו גינומען אין אבעקין דיא בלוט פון זייא אין דרום זייט פון מזבח (שחטן ביום וזרק בלילה) אדער ער האט גישאכטין דיא קרבנות ביא טאג . אונ ער האט געשפריצט דיא בלוט פון זייא ביא נאכט (בלילה וזרק ביום) אדער ער האט זייא גישאכטין ביא נאכט . אונ ער האט געשפריצט דיא בלוט פון זייא ביא טאג (או שחטן חוץ לזמנן וחוץ למקומן) אדער ווען ער האט זייא גישאכטין האט ער גיטראכט ער זאל עסין דיא פלייש פון זייא ליינגער וויא דיא צייט איז צום עסין . אדער ער האט גיטראכט ער זאל עסין דיא פלייש פון זייא ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף זייא עסין (מועלין בהן) אויב מען האט הנאה פון איין קרבן פון דיא אלע קרבנות . דארף מען ברייניגען

כלל א"ר יהושע כל שהיה לה שעת היתר לכהנים אין מועלין בה. ושלא היה לה שעת היתר לכהנים מועלין בה. איזו היא שהיה לה שעת היתר לכהנים שלנה ושנטמאה ושיצאה. איזו היא שלא היה לה שעת היתר לכהנים שנשחטה חוץ לזמנה וחוץ למקומה ושקבלו פסולין וזרקו את

שהוא פסול שאין בו כרת. מועלים בה: כלל א"ר יהושע כל שהיה לה שעת היתר לכהנים. אע"ג דהשתא נפסלה ואין ראוי לאכלן. אפילו הכי אין מועלין בהן: שלנה. לאחר זריקה או שנטמאה או שיצאה חוץ לעזרה לאחר זריקה אע"ג דאינה ראויה לכהנים. כיון דהיה לה שעה א' היתר קודם שלנה. אין מועלים בה. דלאו קדשי ה' קרינן בה דהא חזו לכהנים: ושקבלו פסולים וזרקו את דמה. קבלו פסולים את דמה אף על פי שזרקוהו כשרים. או שזרקוהו פסולים אע"פ שקבלוהו כשרים. ואם לאחר שקבלו פסולים את הדם וזרקוהו. חזרו כשרים וקבלו שאר דם הנפש וזרקוהו הרי זריקת הכשרים מועלת ומתרת הבשר לכהנים ואין בו משום מעילה. והני מילי בשאר פסולים חוץ מן הטמא אבל טמא שקבל את הדם וזרקו. אף ע"פ שחזרו כשרים וקבלו שאר דם הנפש וזרקוהו אין לבשר שעת היתר ומועלים בו. שהטמא הואיל וראוי לעבודת צבור שקרבן צבור דוחה את הטומאה כשזרק הדם נעשה שאר הדם שיריים ושוב אין זריקת הכשרים מועלת להתיר הבשר

אקרבן מעילה (כלל אמר רבי יהושע) אכלל האט רבי יהושע גיזאגט (כל שהיה לה שעת היתר לכהנים) אויב דער קרבן איז אמאהל מותר גיוועזן צו דיא כהנים. זייא האבין אים גימעגט עסין אפילו ער איז פסול גיווארין אונ זייא טארין אים שוין ניט עסין. פון דעסטוועגין (אין מועלין בהן) אויב איינער האט הנאה גיהאט פון דעם קרבן אפילו דער נאך וויא ער איז פסול גיווארין. דארף מען ניט ברייננגען אקרבן מעילה (ושלא היה לה שעת היתר לכהנים) אונ אויב דער קרבן איז קיין מאהל ניט מותר גיוועזן צו דיא כהנים זייא זאלין אים עסין (מועלין בה) אויב איינער האט הנאה פון דעם קרבן. דארף ער ברייננגען אקרבן מעילה (איזו היא שהיה לה שעת היתר לכהנים) וועלכער קרבן איז אמאהל מותר גיוועזן צו דיא כהנים. אונ איצט איז ער אסור (שלנה ושנטמאה ושיצאה) אויב דער קרבן איז גישאכטין גיווארין וויא דער דין איז. אונ מען האט געשפריצט דיא בלוט אויך וויא דער דין איז. האבין שוין דיא כהנים גימעגט עסין דיא פלייש. דער נאך איז דיא פלייש פסול גיווארין ווייל זייא זענען גילעגין אגאנצע נאכט. אדער זייא זענען טמא גיווארין. אדער זייא זענען ארויס גיגאנגען פון דיא עזרה. אונ איינער האט פון דיא פלייש הנאה גיהאט דארף ער ניט ברייננגען קיין קרבן מעילה (איזו היא שלא היה לה שעת היתר לכהנים) וועלכער קרבן איז קיין מאהל ניט מותר גיוועזן צו דיא כהנים (שנשחטה חוץ לזמנה וחוץ למקומה) אויב ווען מען האט גישאכטין דעם קרבן האט מען גיטראכט מען זאל אים עסין לייננער וויא דיא צייט איז צום עסין. אדער ער האט גיטראכט ער זאל אים עסין ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף אים עסין (ושקבלו פסולין וזרקו את דמה) אונ אויב כהנים וואס זענען פסול צו טאהן דיא עבודה האבין צו גינומען אין אבעקין דיא בלוט. אפילו כשרה כהנים האבין געשפריצט דיא בלוט. איז דער קרבן פסול. אדער פאר קערט איז גיוועזן. כשרה כהנים האבין צו גינומען אין אבעקין די בלוט. נאר פסולה כהנים האבין געשפריצט די בלוט. איז דר קרבן פסול פון אנהייב אן. אונ ער איז קיין מאהל ניט מותר גיוועזן צו דיא כהנים. אויב איינער האט הנאה פון

ואין לך בפסולים מי בטומאה הדם מרצה אלא טומאה בלבד: **ב** בשר קדשי קדשים שיצא לפני זריקת דמים. ואח"כ נכנס ואח"כ זרק את הדם: ר' אליעזר אומר מועלים בו. אע"פ שזרק את הדם דס"ל לר' אליעזר דזריקה לא מהני ליוצא לאפוקי מידי מעילה: ואין חייבין עליו משום פגול נותר וטמא. הואיל ולא דזריקה כהלכה קא קבעה לפגול ולא פסולה: רבי עקיבא סבר אין מועלים בו דקסבר דזריקה מהניא ליוצא לאפוקי ממעילה. אבל חייבין כו'. אבל לבון הדם. כמו בטמאה וכי אמר רבי עקיבא דזריקה מהני ליוצאת כגון שיצא מקצת בשר ולא כולו. דמגו דמהניא להכשר מקצת שבפנים מהני נמי להכשיר מקצת שיצא לחוץ. והלכה כר"ע: אר"ע והרי המפריש חטאתו ואבדה. הסתא

**ב** בשר קדשי קדשים שיצא לפני זריקת דמים. רבי אליעזר אומר. מועלין בו. ואין חייבין עליו משום פיגול נותר וטמא. ר' עקיבא אומר אין מועלין בו. אבל חייבין עליו. משום פיגול. נותר וטמא. אמר ר"ע והרי המפריש חטאת ואבדה. והפריש

---

אים. דארף ער ברייגגען אקרבן מעילה: ב (בשר קדשי קדשים שיצא לפני זריקת דמים) אויב דיא פלייש פון אחטאת אדער פון אאשם איז ארויס געטראגין געווארין פון דיא עזרה איידער מען האט געשפריצט דיא בלוט. אונ מען האט זיי צוריק אריין געטראגין אין דיא עזרה. דער נאך האט מען געשפריצט דיא בלוט. רבי אליעזר זאגט (מועלין בו) אויב מען האט הנאה פון דיא פלייש דארף מען ברייגגען אקרבן מעילה (ואין חייבין עליו משום פיגול נותר וטמא) אונ אויב ער האט געטראכט ווען ער האט געשפריצט דיא בלוט) ער זאל עסין דיא פלייש לייגגער וויא דיא צייט איז צום עסין. ווערט ניט דיא פלייש פיגול. ווייל אן דעם פיגול איז אויך דיא פלייש פסול. אונ אויב מען האט גאר ניט געטראכט אויף דיא פלייש. אונ מען עסט פון דיא פלייש שפעטער וויא דיא צייט איז צום עסין. איז מען ניט חייב אויף דיא פלייש ווייל דאס איז נותר (געבליבענע פלייש). ווייל אין דיא צייט איז אויך דיא פלייש פסול. אונ אויב אטמא עסט פון דיא פלייש. איז ער ניט חייב אויף דיא טומאה. ווייל פאר אטהור איז אויך דיא פלייש פסול. רבי עקיבא זאגט (אין מועלין בו) אויב מען האט הנאה פון דיא פלייש. דארף מען ניט ברייגגען קיין קרבן מעילה (אבל חייבין עליו משום פיגול נותר וטמא) אונ אויב עס איז גאר ארויס געטראגין געווארין אביסול פון דיא פלייש. אונ דיא איבעריגע פלייש איז געוועזן אין דיא עזרה. אונ דער נאך וויא מען האט דיא פלייש צוריק אריין געטראגין. האט מען געשפריצט דיא בלוט. אויב מען האט געטראכט ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט) מען זאל עסין דיא פלייש לייגגער וויא דיא צייט איז צום עסין. ווערט דיא גאנצע פלייש פגול. אפילו דיא ארויס געטראגענע אויך. אונ אפילו מען האט גאר ניט געטראכט אויף דיא פלייש. נאר מען עסט פון דיא פלייש (אפילו פון דיא ארויס געטראגענע) שפעטער וויא דיא צייט איז צום עסין. איז מען חייב ווייל מען עסט נותר. אונ אויב אטמא עסט פון די פלייש (אפילו פון די ארוס געטראגענע) איז ער חייב אויף די טומאה (אמר רבי עקיבא) האט רבי עקיבא געזאגט (והרי המפריש חטאת ואבדה) אויב איינער האט אפ געשיידט אבהמה

אחרת תחתיה. ואחר כך נמצאת הראשונה. והרי שתיהן עומדות. כשם שדמה פוטר את בשרה. כך הוא פוטר את בשר חברתה. ואם פוטר דמה את בשר חברתה מן המעילה דין הוא שיפטור את בשרה: ג אמורי קדשים קלים שיצאו לפני זריקת דמים. רבי אליעזר אומר אין מועלין בהן. ואין חייבין עליהן משום פיגול.

מייתי ראיה למאי דקאמר דזריקה מועלת ליוצא: והרי שתיהן עומדות. שהוטות ונתקבל דמן בשתי כוסות. וזרק דמה של אחת מהן: לא כשם שדמה. של אותה: פוטר את בשרה. מן המעילה: כך הוא פוטר את בשר חברתה. אלא זרק דמה מן המעילה הואיל והיה יכול לזרוק דמה של איזו שירצה: ואם פוטר דמה את בשר חברתה מן המעילה. אף על גב דפסולה היא דמותר הנאה היא. אינו דין שיפטור בשרה של עצמה. אע"ג שנפסלה ביוצא. ולא אמר ר"ע כשם שדמה פוטר את בשרה כך הוא פוטר את בשר הברתה. אלא כששחט שתי החטאות כאחת. לפי שאם רצה מזה זורק. רצה מזה זורק. אבל בזה אחר זה. לא אמר ר"ע שיהא דמה פוטר בשר חברתה: ג אמורי קדשים קלים. אין מועלים באמורי קדשים קלים אלא לאחר זריקת דמים. כדאמרינן בשלהי פרקין. ואם יצא לפני זריקת דמים: רא"א אין מועלין בהן. דכי היכי דלא"ל לר"א דאין זריקה מועלת ליוצא לאפוקי בשר קדשי קדשים ממעיל' הכי נמי אין מועלת ליוצא להביא אמורי קדשים קלים לידי מעילה וכי היכי דלית ליה לר' עקיבא דזריקה מועלת ליוצא לאפוקי בשר קדשי

זיא זאל זיין אחטאת. אונ זיא איז פאר לארין גיווארין (והפריש אחרת תחתיה) האט ער אפ גישיידט איין אנדער בהמה זיא זאל זיין אחטאת (ואחר כך נמצאת הראשונה) דער נאך איז גיפונגען גיווארין דער ערשטער חטאת (והרי שתיהן עומדות) אונ ביידע חטאות שטייען. אונ מען האט גישאכטין ביידע חטאות מיט איין מאהל. אונ מען האט צו גינומען זייערע בלוט אין צוויא בעקנס. דיא בלוט פון יעדער חטאת בזונדער אונ מען האט געשפריצט דיא בלוט פון איין חטאת (כשם שדמה פוטר את בשרה כך הוא פוטר את בשר חברתה) זאגין מיר דאך אזוי וויא דיא בלוט וואס איז געשפריצט גיווארין אויף דעם מזבח פטרת אירע פלייש פון מעילה. אזוי פטרה זיא דיא פלייש פון דעם אנדערין חטאת איך פון מעילה. אפילו דיא פלייש איז שוין פסול (ואם פוטר דמה את בשר חברתה מן המעילה) אויב דיא בלוט פון איין חטאת פטרת דיא פלייש פון דעם אנדערין חטאת פון מעילה (דין הוא שיפטור את בשרה) דארף דא געווים זיין אז דיא בלוט זאל פטרין אירע אייגענע פסולה פלייש וואס איז ארויס גיטראגין גיווארין פון דיא עזרה) אויך פון מעילה: ג (אמורי קדשים קלים שיצאו לפני זריקת דמים) דיא חלב פון שלמים אדער פון תודה אויב זייא זענען ארויס גיטראגין גיווארין פון דיא עזרה. איידער מען האט געשפריצט זייער בלוט אויף דעם מזבח. דער נאך האט מען געשפריצט דיא בלוט. רבי אליעזר זאגט (אין מועלין בהן) אויב מען האט הנאה פון דיא חלב. דארף מען ניט ברייגגען קיין קרבן מעילה (ואין חייבין עליהן משום פיגול נותר וטמא) אויב ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט האט מען גיטראכט מען זאל מקריב זיין דיא חלב שפעטער וויא דיא צייט איז מקריב צו זיין. איז ניטא דער איסור פון פגול. אונ אויב דיא חלב איז געבליבען ליגען ביז נאך דיא צייט. איז ניטא אויף זייא דער איסור פון נותר. אונ אויב אטמא האט

קדשי קדשים מודי מעילה מועלת כמי ליוצא לקבוע אימורי קדשים קלים לידי מעילה: ד מעשה דמים. זו זריקת הדם: ואין מועלין בבשר. לאחר זריקת דמים אין מועלין בבשר. דהבשר יש בו הנאת היתר לכהנים. והיינו להקל דמשום זריקת דמים אתיא לו קולא. דאין מועלין בו: ועל זה ועל זה. בין על האימורין בין על הבשר לאחר זריקה חייבין משום פגול אם פיגל באחת מארבע עבודות. דזריקה קובעת בפגול וקובעת נמי לנותר וטמא. והיינו להחמיר: ובקדשים קלים לאחר זריקה: כולו להחמיר.

נותר. וטמא. ר״ע אומר. מועלין בהן יחייבין (עליהן) משום פגול נותר וטמא: ד מעשה דמים בקדשי קדשים. להקל ולהחמיר. ובקדשים קלים. כולן להחמיר. כיצד. קדש קדשים לפני זריקת דמים מועלין באימורין ובבשר. לאחר זריקת דמים מועלים באימורים ואין מועלין בבשר. על זה ועל זה. חייבין משום פגול. נותר. וטמא. ובקדשים קלים. כולם להחמיר. כיצד. קדשים (קלים) לפני

אן גערירט דיא חלב. איז ניטא אויף זייא דער איסור פון טומאה. רבי עקיבא זאגט (מועלין בהן) אויב מען האט הנאה פון דיא חלב. דארף מען ברייגען אקרבן מעילה (חייבין עליהן משום פגול נותר וטמא) אונ אויב זייא זענען געווארין פגול אדער נותר אדער טמא. איז אויף זייא דא דיא דרייא איסורים אויך: ד (מעשה דמים בקדשי קדשים להקל ולהחמיר) דיא שפריצונג פון דיא בלוט פון דיא קרבנות וואס זענען קדשי קדשים. אמאהל איז גרינגער אונ אמאהל איז שווערער (ובקדשים קלים כולן להחמיר) אונ דיא שפריצונג פון דיא בלוט פון דיא קרבנות וואס זענען גרינגע קדשים. זענען אלע מאהל שווער צו מאכין (כיצד) וויא מיינט מען (קדשי קדשים לפני זריקת דמים מועלין באימורין ובבשר) אז איינער האט הנאה פון דיא חלב אדער פון דיא פלייש פון אקרבן וואס ער איז קדשי קדשים איידער מען האט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח. דארף מען ברייגען אקרבן מעילה (לאחר זריקת דמים מועלים באימורים ואין מועלין בבשר) דער נאך וויא מען האט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח. אויב מען האט הנאה פון דיא חלב דארף מען ברייגען אקרבן מעילה. אונ אויב מען האט הנאה פון דיא פלייש דארף מען ניט ברייגען קיין קרבן מעילה (על זה ועל זה) אויף דיא חלב אונ אויף דיא פלייש דער נאך וויא מען האט געשפריצט דיא בלוט (חייבין משום פגול נותר וטמא) אויב מען האט גיטראכט ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט (עיין זבחים פ״ב) מען זאל עסין דיא פלייש שפעטער ווידי צייט איז. אדער מען זאל מקריב זיין דעם חלב שפעטער וויא דיא צייט איז. אויב מען עסט דיא פלייש אדער דיא חלב אפילו אין דער צייט קומט כרת ווייל מען עסט פגול. אונ אויב מען האט גאר ניט גיטראכט אויף דיא פלייש מיט דיא חלב. נאר זייא זענען אליין געבליבען אויף נאך דיא צייט ווען מען האט שוין ניט גימעגט עסין אונ ניט מקריב זיין. אויב מען האט זייא גיגעסין קומט כרת. אונ אויב מען האט אויף דיא פלייש גאר גיט גיטראכט. אונ עס איז נאך אין דיא צייט ווען מען מעג נאך עסין. אויב אבער טמא האט זייא גיגעסין קומט אים כרת (ובקדשים קלים כולם להחמיר) אונ בייא גרינגע קרבנות דער נאך וויא מען האט געשפריצט דיא בלוט. איז אלץ שווער צו מאכין (כיצד) וויא מיינט מען (קדשים קלים לפני זריקת דמים) גרינגע קדשים איידער מען האט געשפריצט דיא בלוט פון זייא (אין מועלין לא באימורין ולא בבשר) אויב מען האט הנאה גיהאט פון דיא חלב אדער פון דיא פלייש דארף מען ניט ברייגען אקרבן

ירקת דמים. אין מועלין לא באימורין ולא בבשר. לאחר זריקת דמים. מועלין באימורין ואין מועלין בבשר. על זה ועל זה. חייבין משום פגול. נותר. וטמא. נמצא מעשה דמים בקדשי קדשים להקל ולהחמיר. ובקדשים קלים כולו להחמיר:

פרק ב **חטאת** העוף מועלין בה משה קדשה. נמלקה. הוכשרה להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. הזה דמה. חייבין עליה משום פיגול. נותר. וטמא. ואין בה מעילה:

דמועלין באימורי' דכבר חזו לגבוה וקדשים נינהו. ולא ממון בעלים: ועל זה ועל זה. בין על האימורים בין על הבשר חייבין עליו משום פגול נותר וטמא והיינו כולו להחמיר:

פרק ב **חטאת** העוף. הוכשרה ליפסל. כלומר משנמלקה נתוספה בה קדושה שהיא נפסלת אם נגע בה טבול יום. או מחוסר כפורים ודוקא נפסלת בטבול יום. אבל לא מיטמאה לטמא אחרים. שהשתא שטבול יום פוסל את התרומה. כך הוא פוסל את הקודש: הזה דמה חייבין עליה משום פיגול. דהזאה של חטאת העוף במקום זריקה דבהמה קאי. דהזאה קובעת פגול כשחשב ב' קודם לכן כמו זריקת דם בבהמה ומוב ים בן

---

מעילה (לאחר זריקת דמים) דער נאך וויא מען האט געשפריצט דיא בלוט (מועלין באימורין) אויב מען האט הנאה פון דיא חלב דארף מען ברייננען אקרבן מעילה (ואין מועלין בבשר) אונ אויב מען האט הנאה פון דיא פלייש דארף מען ניט ברייננען אקרבן מעילה (על זה ועל זה) אויף דיא חלב אונ אויף דיא פלייש (חייבין משום פגול נותר וטמא) אויב זייא זענען פגול אדער נותר אדער טמא איז מען חייב אקרבן אדער כרת אזוי וויא פריער שטייט (נמצא מעשה דמים בקדשי קדשים להקל ולהחמיר) ווערט געפונען דיא שפריצונג פון דיא בלוט פון דיא קרבנות וואס זענען קדשי קדשים. אמאהל איז גרינגער אונ אמאהל איז שווערער (ובקדשים קלים כולו להחמיר) אונ דיא שפריצונג פון דיא בלוט פון דיא קרבנות וואס זענען גרינגע קדשים. זענען אלע מאהל שווער צו מאכין:

פרק ב א (חטאת העוף מועלין בה משהוקדשה) אויב איינער זאגט אויף אטויב זיא זאל זיין אחטאת. איז זיא שוין הייליג געווארין. אונ אז מען האט הנאה פון איר. דארף מען ברייננען אקרבן מעילה (נמלקה) דער נאך וויא מען האט אפ געבראכין איר קאפ. אזוי וויא דער דין איז. איז זיא הייליגער געווארין (הוכשרה להפסל בטבול יום) אויב איינער איז געוועזן טמא. אונ ער האט זיך טובל געוועזן פאר נאכט. פון נאך דיא טבילה ביז נאכט. הייסט ער טבול יום. אויב דער טבול יום האט אנגערירט דיא טויב נאך דיא מליקה. ווערט דיא טויב פסול (ובמחוסר כפורים) אויב איינער איז געוועזן טמא אזוי אטומאה וואס ער דארף ברענגען קרבנות דעם אכטין טאג. אונ דעם זיבעטין טאג בייא נאכט האט ער זיך טובל געוועזן. פון נאך דיא טבילה ביז אויף מארגין ווען ער ברייננט זיינע קרבנות. הייסט ער מחוסר כפורים. אויב דער מחוסר כפורים האט אנגערירט דיא טויב נאך דיא מליקה. ווערט דיא טויב פסול (ובלינה) אויב דיא פלייש פון דיא טויב איז געלעגין איבער דעם מזבח א גאנצע נאכט. ווערט זיא פסול (הזה דמה) אויב ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט פון דיא טויב האט מען געטראכט מען זאל עסין דיא פלייש לייננער וויא דיא צייט איז צום עסין (חייבין עליה משום פגול) אז מען עסט דיא פלייש קומט כרת ווייל דאס איז פיגול (נותר) אויב עס איז געבליבען אשטיקול פלייש נאך דיא צייט פון עסין. איז זיא

אסור נוהר וטמא: ואין בה מעילה. דכיון דהוזה דמה יש [בה] היתר לכהנים: ב מיצה דמה. מלוי דעולת העוף קאי במקום זריקת הבהמה והואה דחטאת העוף. דבעולת העוף כתיב ונמצה דמו: עד שתצא לבית הדשן. דכיון דכולה כליל ולית בה שעת היתר לבסוף לעולם מועל בה עד שתשרף כולה. והנכל מעפרה תרומת הדשן. כדכתיב (ויקרא ו) והרים את הדשן אשר תאכל האש: ג פרים הנשרפים. אין בהן לכהנים היתר כלל: הוזה דמן כו'. הואה דמן קובעתן לפגול לענום

ב עולת העוף מועלין בה משהקדשה. נמלקה. הוכשרה להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. מיצה דמה חייבין עליה משום פיגול. נותר וטמא. ומועלין בה. עד שתצא לבית הדשן: ג פרים הנשרפין. ושעירים הנשרפין. מועלין בהן משהקדשו. נשחטו. הוכשרו להפסל. בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. הוזה דמן. חייבין

---

אסור ווייל דאס איז נותר (וטמא) אויב א טמא האט אנגערירט דיא טויב. טאר מען איר ניט עסין (ואין בה מעילה) אונ אז מען האט שוין געשפריצט דיא בלוט פון דיא טויב אונ דיא טויב איז כשר צום עסן פאר דיא כהנים. אונ אפילו אדער א ישראל האט הנאה פון איר. דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה: ב (עולת העוף מועלין בה משהוקדשה) אויב איינער זאגט אויף א טויב זיא זאל זיין א עולה. איז זיא שוין היילינ געווארין. אונ אז מען האט הנאה פון איר. דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (נמלקה) דער נאך וויא מען האט אפ געבראכין איר קאפ. אזוי ווי דער דין איז. איז זיא היילינער געווארין (הוכשרה להפסל בטבול יום) אויב א טבול יום רירט אן דיא טויב. ווערט זיא פסול (ובמחוסר כפורים) אונ אויב א מחוסר כפורים רירט אן דיא טויב. ווערט זיא פסול (ובלינה) אויב דיא טויב איז געלעגין אויסער דעם מזבח א גאנצע נאכט. ווערט זיא פסול (מיצה דמה חייבין עליה משום פיגול) אויב ווען מען האט אויס געקוועטשט דיא בלוט פון דיא טויב האט מען געטראכט מען זאל איר מקריב זיין שפעטער וויא דיא צייט איז מקריב צו זיין. איז דיא טויב פיגול (נותר) אויב דיא טויב איז געבליבען ליגען אונ מען האט איר ניט מקריב געווען צו דיא צייט. איז זיא אסור ווייל זיא איז נותר (וטמא) אויב א טמא האט אן גערירט דיא טויב. טאר מען איר ניט מקריב זיין (ומועלין בה) אז מען האט הנאה פון די טויב דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (עד שתצא לבית הדשן) ביז דיא טויב ווערט פאר ברענט אונ עס ווערט פון איר אש. אונ מען האט שוין אראפ גינומען אביסל אש אונ אוים גישאטין ביא דעם מזבח. אז מען האט הנאה פון דיא איבעריגע אש. דארף מען ניט ברייגגען א קרבן מעילה: ג (פרים הנשרפים ושעירים הנשרפים) דיא פרים אונ דיא שעירים וואס מען דארף פר ברענגען. (מועלין בה משהוקדשו) ווי מען האט נאר גיהייליגט דעם פר אונ דעם שעיר טאר מען ניט הנאה האבען פון זייא. אונ אויב מען האט הנאה גיהאט. דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (נשחטו) אז דער פר אונ דער שעיר זענען גישאכטין געווארין (הוכשרו להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים) אויב א טבול יום אדער א מחוסר כפורים האט זייא אן גערירט. זענען זייא פסול געווארין (ובלינה) אויב דיא בלוט איז ניט געשפריצט געווארין אויף דעם מזבח ביז נאכט ווערין זייא פסול (הוזה דמן) אויב דיא בלוט איז געשפריצט געווארין זייא דער

עליהן משום פיגול . נותר וטמא . ומועלין בהן בבית הדשן עד שיותך הבשר : **ד** העולה מועלין בה משהוקדשה . נשחטה . הוכשרה להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. נזרק דמה . חייבין עליה משום פיגול. נותר וטמא. ואין מועלין (בעורה) . אבל מועלין בבשר עד שיצא לבית הדשן : **ה** חטאת .

כרת האוכל מהן אם היתה עליהם בשעת שחיטה להקטיר אימוריהן חוץ לזמנן . וכיון דלית בהו היתר לכהנים. מועלין בהן בבית הדשן חוץ למחנה היכא דנשרפו אם נכנס מהן : עד שיותך הבשר . כלומר שיהיה נשרף ונעשה פחמים . אבל לאחר שניתך . שוב אין בו מעילה. שאין לך דבר שנעשית מצותו ומועלים בו : **ד** ואין מועלין בעורה דלכהנים היא כדכתיב (שם ז) עור העולה אשר הקריב לכהן לו יהיה : אבל מועלין בבשר כל זמן שהיא נשרף על גבי המזבח דכליל הוא : עד שתצא לבית הדשן . כשמרימים כל האפר מעל המזבח ומוליכים אותו לבית הדשן . ושוב אין בה מעילה שכבר נעשית מצותה : **ה** אין מועלין

---

דין איז . און ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט האט מען גיטראכט מען זאל מקריב זיין דיא חלב שפעטער וויא דיא צייט איז מקריב צוא זיין (חייבין עליהן משום פיגול) איז אויף דיא פלייש דער איסור פון פיגול . און אז מען עסט פון דיא פלייש קומט כרת (נותר) און אויב דיא פלייש איז געבליבען . איז אויף דיא פלייש דער איסור פון נותר (וטמא) אויב א טמא האט אן גערירט דיא פלייש . ווערט דיא פלייש טמא (ומועלין בבית הדשן) און אז מען האט ארויס גיטראגין דעם פר און דעם שעיר און מען האט זייא גילייגט אויף דעם ארט ווא דיא אש ליגט . אויב מען האט פון זייא הנאה . דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (עד שיותך הבשר) ביז דיא פלייש וועט פאר ברענט ווערין און עס וועט ווערין פון זייא קוילין . דער נאך אז מען האט הנאה פון זייא . דארף מען גיט ברייגגען קיין קרבן מעילה : ד (העולה מועלין בה משהוקדשה) וויא מען האט נאר גיזאגט אויף א בהמה זיא זאל זיין א עולה . אויב מען האט הנאה פון איר . דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (נשחטה) אז דיא עולה איז גישאכטין גיווארין (הוכשרה להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים) אויב א טבול יום אדער א מחוסר כפורים האט אן גערירט די עולה . ווערט זיא פסול (ובלינה) אויב דיא בלוט איז גיט געשפריצט גיווארין אויף דעם מזבח ביז נאכט . איז דיא עולה פסול (ועיין תי"ט) (נזרק דמה) אויב דיא בלוט איז געשפריצט גיווארין וויא דער דין איז . און ווען מען האט געשפריצט דיא בלוט האט מען גיטראכט מען זאל מקריב זיין דיא עולה שפעטער וויא דיא צייט איז מקריב צוא זיין (חייבין עליה משום פגול) איז דיא פלייש גיווארין פיגול . און אז מען עסט די פלייש קומט כרת (נותר) און אויב דיא פלייש פון דיא עולה איז געבליבען . איז אויף דיא פלייש דער איסור פון נותר (וטמא) און אויב א טמא האט אן גערירט דיא פלייש פון דיא עולה . ווערט דיא פלייש טמא (ואין מועלין בעורה) אויב מען האט הנאה פון דיא פעל . דארף מען ניט ברייגגען קיין קרבן מעילה (אבל מועלין בבשר) אבער אז מען האט הנאה פון דיא פלייש פון דיא עולה . דארף מען ברייגגען א קרבן מעילה (עד שיצא לבית הדשן) ביז דיא פלייש ווערט אין גאנצין פאר ברענט . און עס איז גיווארין אש . און מען האט ארויס גינומען דיא אש פון מזבח . און מען האט זייא גישאטין אויף דעם ארט ווא אלע אש ליגט . דער נאך אז מען האט הנאה פון דיא אש דארף מען ניט ברייגגען קיין קרבן מעילה ועיין תי"ט : ה (חטאת ואשם וזבחי שלמי

בבשר . דהא יש בו היתר לכהנים דבשר חטאת ואשם וזבחי שלמי צבור נאכל לכהנים : אבל מועלין באימורים . שאין בהן היתר לכהנים : ך שתי הלחם . שמביאין בעצרת : קרמו בתנור . פני הלחם היינו תחלת תקונן ובשלת קרימה בתנור חשיבא כבשר ליפסל בטבול יום ומחוסר כפורים כשחיטה דקדשי קדשים והכא לא גרים ובלינה . משום דשתי

ואשם. וזבחי שלמי צבור . מועלין בהן משהוקדשו. נשחטו. הוכשרו להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. נזרק דמן . חייבין עליהם משום פיגול. ונותר . וטמא . אין מועלין בבשר. אבל מועלין באימורים עד שיצא לבית הדשן : ך שתי הלחם מועלין בהן משהוקדשו. קרמו בתנור. הוכשרו להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים. ולשחוט עליהם את הזבח נזרק דמן של כבשים. חייבין עליהן משום

צִבּוּר מוֹעֲלִין בָּהֶן מִשֶּׁהוּקְדְּשׁוּ) אויב אײנער זאָגט אויף אַבְּהֵמָה זיא זאָל זײן אַחַטָּאת . אָדער ער זאָגט זיא זאָל זײן אַאָשָׁם . אָדער ער זאָגט זיא זאָל זײן שְׁלָמִים פאַר אַלע זִרִינָם וְעֶנִין . אויב מען האָט הַנָאָה פון דיא בְּהֵמָה . דאַרף מען ברײנגען אַקָרְבָּן מְעִילָה (נִשְׁחֲטוּ) אויב דיא קָרְבָּנוֹת זענען גישאָכטען גיוואָרען (הוּכְשְׁרוּ לְהִפָּסֵל בִּטְבוּל יוֹם וּבִמְחוּסַר כִּפּוּרִים) אויב אַטְבוּל יוֹם אָדער אַמְחוּסַר כִּפּוּרִים האָט זײא אָן גערירט . ווערין זײא פָּסוּל (וּבְלִינָה) אויב דיא בלוט איז ניט געשפּריצט גיוואָרען אויף דעם מִזְבֵּחַ ביז נאַכט . זענען דיא קָרְבָּנוֹת פָּסוּל (ועתי״ט) (נִזְרַק דָּמָן) אויב דיא בלוט זײערע איז געשפּריצט גיוואָרען ווייא דער דין איז . אונ ווען מען האָט געשפּריצט דיא בלוט האָט מען גיטראַכט מען זאָל עסין דיא קָרְבָּנוֹת לײנגער ווייא דיא צייט איז צום עסין (חַיָּבִין עֲלֵיהֶן מִשּׁוּם פִּיגּוּל) אַז מען עסט דיא קָרְבָּנוֹת קומט כָּרֵת ווײל זײא זענען פיגול (וְנוֹתָר) אויב עס איז געבליבען אַשטיקול פלייש נאָך דיא צייט פון עסין . איז זיא אָסור ווייל זיא איז נוֹתָר (וְטָמֵא) אויב אַטָמֵא האָט אָן גערירט דיא פלייש . איז דיא פלייש טָמֵא (אֵין מוֹעֲלִין בְּבָשָׂר) אויב מען האָט הנאה פון דיא פלייש דאַרף מען ניט ברײנגען אַקָרְבָּן מְעִילָה (אֲבָל מוֹעֲלִין בְּאֵימוּרִין) אָבער אַז מען האָט הנאה פון דיא חֵלֶב . דאַרף מען ברײנגען אַקָרְבָּן מְעִילָה (עַד שֶׁיֵּצְאוּ לְבֵית הַדֶּשֶׁן) ביז דיא חֵלֶב ווערט אין גאַנצין פאַר ברענט . אונ עס ווערט פון זײא אַש אונ מען האָט אַראָפּ גינומען דיא אַש פון מִזְבֵּחַ . אונ מען האָט זיי גישאָטין אויף דעם אָרט וואו אַלע אַש ליגט . דער נאָך אַז מען האָט הנאת פון די אַש . דאַרף מען ניט ברײנגען קיין קָרְבָּן מְעִילָה : ו (שְׁתֵּי הַלֶּחֶם מוֹעֲלִין בָּהֶן מִשֶּׁהוּקְדְּשׁוּ) די צוויי ברויט וואָס מען ברײנגט אום שָׁבוּעוֹת . אַז זיי זענען נאָר גיהייליגט גיוואָרין . אויב מען האָט הנאה פון זײא . דאַרף מען ברײנגען אַקָרְבָּן מְעִילָה (קָרְמוּ בַּתַּנּוּר) אויב די צוויי ברויט זענען פר טריקנט גיוואָרין פון היצין אין הויוין (הוּכְשְׁרוּ לְהִפָּסֵל בִּטְבוּל יוֹם וּבִמְחוּסַר כִּפּוּרִים) אויב אַטְבוּל יוֹם אָדער אַמְחוּסַר כִּפּוּרִים רירט אָן דיא ברויט . ווערין זײא פָּסוּל (וְלִשְׁחוֹט עֲלֵיהֶן אֶת הַזֶּבַח) אונ מען מעג שעכטין זייער קָרְבָּן . דיא צווייא שעפּסין (נִזְרַק דָּמָן שֶׁל כְּבָשִׂים) אַז מען האָט געשפּריצט דיא בלוט פון דיא שעפּסין אויף דעם מִזְבֵּחַ . אונ ווען מען האָט געשפּריצט דיא בלוט האָט מען גיטראַכט מען זאָל זײא עסין לײנגער ווייא דיא צייט איז צום עסין (חַיָּבִין עֲלֵיהֶן מִשּׁוּם פִּגּוּל) אַז מען עסט דיא קָרְבָּנוֹת אָדער דיא ברויט קומט כָּרֵת ווייל זײא זענען פִּגּוּל (נוֹתָר) אויב עס איז געבליבען אַשטיקול פלייש אָדער ברויט נאָך דיא צייט פון עסין . איז זיא אָסור ווייל זיא איז נוֹתָר (וְטָמֵא) אויב אַטָמֵא רירט אָן דעם קָרְבָּן אָדער דיא ברויט . ווערין זײא

משום פיגול. ניתר. וטמא. ואין בהן מעילה: ז לחם הפנים מועלין בו משהוקדש. קרם בתנור. הוכשר להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ולהסדר על גבי השולחן. קרבו הבזיכין. חייבין עליו משום פיגול נותר. וטמא. ואין בהן מעילה: ח המנחות מועלים בהן משהוקדשו. קידשו בכלי. הוכשרו להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. קרב הקומץ. חייבין עליו משום פיגול. נותר וטמא. ואין מועלי' בשירים.

הלחם נאפית מע"ש שאין אפייתן דוחה את הי"ט ונאכלות למחר בי"ט והוכשרו לשחוט עליהן את הזבח דכיון דקרמו פניה קרויה לחם: ואין בהן מעילה. דיש בהן שעת היתר לכהנים וכבר נעשית מצותן: ז לחם הפנים. ה"נ לא גרסי' ביה ליפסל בלינה דהרי נאפה בע"ש ואינו נאכל עד לשבת האחרת: קרבו בזיכים. היינו מכשיריו שבשבת בשעת סילוק הלחם היו מקריבין הבזיכין של לבונה: ואין בו מעילה. שהותר לכהנים ונעשית מצותו: ח המנחות מועלין בהן משהוקדשו. בקדושת פה: ואין מועלין

אבל

---

טמא (ואין בהן מעילה) אונ אז מען האט הנאה פון זייא דארף מען ניט ברייננען קיין קרבן מעילה ועתי"ט: ז (לחם הפנים מועלין בו משהוקדש) דער לחם הפנים וויא ער איז נאר געהייליגט געווארין. אז מען האט הנאה פון איהם דארף מען ברייננען אקרבן מעילה (קרם בתנור) אז ער איז נאר פאר טריקנט געווארין פון הויבן אין תנור (הוכשר להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים) אויב אטבול יום אדער אמחוסר כפורים רירט אן דעם לחם הפנים. ווערט ער פסול (ולהסדר על גבי השלחן) אונ מען מעג זייא שוין לייגן אין בית המקדש אויף דעם טיש (קרבו הבזיכין) אז מע' האט מקריב געוועזן דיא צוויי לעפיל בשמים וואס זענען געלעגן אויף דעם לחם הפנים. אונ ווען מען האט זייא מקריב געוועזן האט מען געטראכט מען זאל עסן דעם לחם הפנים לייגער וויא דיא צייט איז צום עסן (חייבין עליהן משום פגול) אז מע' עסט דעם לחם הפנים קומט כרת ווייל ער איז פגול (נותר) אויב עס איז געבליבען אשטיקול פון דעם לחם הפנים נאך דיא צייט פון עסן. איז זייא אסור ווייל זייא איז נותר (וטמא) אויב אטמא רירט אן דעם לחם הפנים ווערט ער טמא (ואין בהן מעילה) אונ אויב מען האט הנאה פון דעם לחם הפנים. דארף מען ניט ברייננען קיין קרבן מעילה: ח (המנחות מועלין בהן משהוקדשו) וויא מען האט נאר געזאגט אויף אצעהנטיל איפה מעהל. זיא זאל זיין הייליג צו אמנחה. ווערט זייא שוין הייליג. אונ אז מען האט הנאה פון איר דארף מען ברייננען אקרבן מעילה (קדשו בכלי) אז מען האט דיא מעהל אריין געשאטין אין אכלי פון בית המקדש (הוכשרו להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים) אויב אטבול יום אדער אמחוסר כפורים רירט אן דיא מנחה. ווערט דיא מנחה פסול (ובלינה) אויב מען האט ניט מקריב געווען דיא מנחה ביז דיא זוהן איז אונטער געגאנגען. איז זייא פסול ועתי"ט ד"ה ובלינה (קרב הקומץ) אז מען האט מקריב געווען דעם קומץ וויא דער דין איז. אונ ווען מען האט מקריב געווען דעם קומץ האט מען געטראכט מען זאל עסן דיא איבעריגע מעהל שפעטער וויא דיא צייט איז צום עסן (חייבין עליו משום פגול) אז מען עסט דיא איבעריגע מעהל אפילו אין דער צייט. קומט כרת ווייל דאס איז פגול (נותר) אונ אויב מען האט נאר ניט געטראכט נאר עס איז געבליבען אביסול מעהל נאך דיא צייט פון עסן. איז דיא ביסול מעהל אסור ווייל זייא איז נותר (וטמא) אויב אטמא האט געגעסין דיא מעהל קומט איהם כרת (ואין מועלין בשירים) אויב אישראל



דאס

בשירים. שיש בהן היתר לכהנים: אבל מועלין בקומץ. עד שיסרף כלו ויצא לבית הדשן כדין אמורי חטאת ואשם ולאחר כן אין מועלין בו. דכא נעשית מצותו: ט ומנחת נסכים. מנחה הבאה עם הזבח שאין בה שירים וכל הני כליל ניהו: משהוקדשו. קדושת פה בעלמא: ופיגול אין בהן. לפי שאין להם מתירין ואין פגול נוהג אלא בדבר שקרבו מתירין כדלקמן: כל שיש לו מתירין. כגון שלמים וחטאת והאשמות דדמן מתיר אמורי'

אבל מועלים בקומץ עד שיצא לבית הדשן: ט הקומץ. והלבונה. והקטורת. ומנחת כהנים. ומנחת כהן משיח. ומנחת נסכין. מועלין בהן משהוקדשו. קדשו בכלי. הוכשרו להפסל בטבול יום. ובמחוסר כפורים. ובלינה. וחייבין עליהם משום נותר. ומשום טמא. ופיגול אין בהן. זה הכלל כל שיש לו מתירין. אין חייבין

---

האט הנאה פון דיא מעהל וואס בלייבט דער נאך וויא מען נעמט אראפ דעם קומץ. דארף מען ניט ברענגען קיין קרבן מעילה (אבל מועלין בקומץ) אבער אז מען האט הנאה פון קומץ דארף מען ברענגען אקרבן מעילה (עד שיצא לבית הדשן) ביז ער ווערט אין גאנצען פאר ברענט אויף אש. אונ מען טראגט ארויס דיא אש אויסער דיא עזרה ווא אלע אש ליגט. דער נאך אז מען האט הנאה פון דיא אש פון דעם קומץ דארף מען ניט ברענגען קיין קרבן מעילה: ט (הקומץ) דיא ביסול מעהל וואס מען נעמט אראפ פון אמנחה צו פאר ברענען אויף דעם מזבח (והלבונה) אונ דיא בשמים פון אמנחה וואס מען פאר ברענט, זייא אויף דעם מזבח (והקטורת) אונ דיא קטורת וואס מען רייכערט אויף דעם גאלדענעם מזבח אין דער פריא אונ פארין נאכט (ומנחת כהנים) אונ דיא מנחה וואס אכהן ברייננט וואס מען דארף זיא אין גאנצין פאר ברענען (ומנחת כהן משיח) אונ דיא מנחה וואס דער כהן גדול ברייננט אלע טאג, וואס זיא ווערט פאר ברענט אין גאנצין (ומנחת נסכין) אונ דיא מנחה וואס ווערט געבראכט מיט אקרבן. וואס זיא ווערט פאר ברענט אין גאנצין (מועלין בהן משהוקדשו) אז זייא זענען נאר געהייליגט געווארין מיט דעם מויל. ער האט גיזאגט דיא ביסול מעהל זאל זיין דער קומץ. דיא בשמים זאל זיין צו אמנחה. דיא בשמים זאל זיין קטורת. אדער אכהן האט גיזאגט דיא מעהל זאל זיין אמנחה פאר מיר. אדער דער כהן גדול האט גיזאגט דיא מעהל זאל זיין אמנחה פאר מיר. אדער אישראל האט גיזאגט דיא מעהל זאל זיין אמנחה צו מיין קרבן. זענען שוין דיא אלע זאכין היילינ געווארין. אונ מען טאר ניט הנאה האבין פון זייא. אונ אויב מען האט הנאה דארף מען ברענגען אקרבן מעילה (קדשו בכלי) אז מען האט דיא מעהל אדער דיא בשמים אריין גילייגט אין אכלי פון בית המקדש (ועתי"ט ד"ה קדשו בכלי) (הוכשרו להפסל בטבול יום ובמחוסר כפורים) אויב אטבול יום אדער אמחוסר כפורים רירט אן איינס פון דיא אלע זאכין. ווערט דאס פסול (ובלינה) אז עס נעכטיגט אויסער דעם מזבח ווערט דאס פסול (ועיין תי"ט ד"ה ומנחת נסכים) (וחייבין עליהן משום נותר ומשום טמא) אויב עס איז געבליבען פון זייא אויף נאך דיא צייט פון עסין אדער אויף נאך דיא צייט פון מקריב זיין. אונ מען האט זייא גיגעסין אדער מקריב גיוועזן. איז מען חייב אקרבן אדער כרת. אונ אויב אטמא האט זייא מקריב גיוועזן אדער גיגעסין. איז ער חייב אקרבן אדער כרת (ופגול אין בהן) אונ דער איסור פון פיגול איז ניטא בייא דיא אלע זאכין (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שיש לו מתירין) אלע קרבנות וואס האבין אזאך וואס

עליו משום פיגול נותר וטמא עד שיקריבו מתיריו וכל שאין לו מתירין. כיון שקדש בכלי חייבין עליו משום נותר ומשום טמא. ופגול אין בו:

פרק ג **ולד** חטאת. ותמורת חטאת. וחטאת שמתו בעליה. ימותו. שעברה שנתה. ושאבדה.

למזבח והבשר לכהנים או דבר שיש לו מתירין למזבח בלבד כגון עולת העוף ופרים הנשרפים שדמן מתיר למזבח בלבד וכגון שתי הלחם דדמן של כבשים היו מתירין ולחם הפנים דבזיכים הוו מתירין וכגון מנחות דיש להן היתר בקומץ כל הני אין חייבים עליהם משום פגול ונותר וטמא עד שיקרבו מתירין דהכי כתיב גבי פיגול לא ירצה. ואמרינן כהרצאה כשר כך הרצאה פסול. ונותר וטמא יליף מפיגול במס׳ זבחים בפרק כל הזבחים: וכל דבר שאין לו מתירין. כי הני קומץ והלבונה דהן עצמן מתירים הן. ואין מתיר אותם שום ד״א: חייב עליה משום נותר וטמא. משום טמא. מרבינן להו מדכתיב (ויקרא כב) כל איש אשר יקרב מכל זרעכם אל הקדשים אשר יקדישו בני ישראל לה׳ וטומאתו עליו ונכרתה בכל הקדשים הכתוב מדבר. לחייב עליו משום טמא. ונותר יליף מטמא:

פרק ג **ולד** חטאת וכו׳ ימותו. דהכי כינהי מחמש חטאות. דגמירי

איז זייא מתיר צום מזבח. דהיינו שלמים חטאות ואשמות. דיא בלוט איז מתיר דיא חלב צום מזבח. אונ דיא פלייש צו דיא כהנים. מען טאר ניט מקריב זיין דיא חלב אויף דעם מזבח. אונ דיא כהנים טארין ניט עסין דיא פלייש. ביז מען שפריינגט פריער דיא בלוט אויף דעם מזבח. אדער נאך אנדערע קרבנות וואס דיא כהנים עסין ניט פון זייא אונ דיא בלוט איז נאר מתיר צום מזבח אליין. אדער אקומץ פון אמנחה וואס ער איז מתיר דיא איבעריגע מעהל צו דיא כהנים (אין חייבין עליו משום פגול נותר וטמא עד שיקריבו מתיריו) אויב איינע פון דיא זאכין איז פגול. אדער נותר. אונ אכהן עסט זייא. אדער זייא זענען כשר נאר אכהן טמא עסט זייא. איז מען אנדערש ניט חייב סיידין מען האט געשפריצט דיא בלוט וויא דער דין איז איידער זייא האבין גיגעסין. אבער אז זייא האבין גיגעסין איידער מען האט געשפריצט דיא בלוט. איז מען ניט חייב (וכל שאין לו מתירין) אונ דיא זאכין וואס זייא האבין ניט ווער עס זאל זייא מתיר זיין. נאר זייא זענען מתיר אנדערע (כיון שקדש בכלי חייבין עליו משום נותר ומשום טמא) וויא מען האט זייא נאר אריין גילייגט אין אהייליגע כלי פון בית המקדש. אויב מען עסט פון זייא נאך דער צייט. ווען מען טאר שוין ניט עסין. אדער אכהן וואס איז טמא עסט פון זייא אפילו אין דער צייט. בשוגג דארף מען ברייגען אקרבן אונ במזיד קומט כרת (ופגול אין בו) אונ אויב זייא זענען פגול קומט ניט אויף זייא קיין קרבן אונ ניט כרת ווען מען עסט זייא:

פרק ג א (ולד חטאת) דיא קאלב וואס ווערט גיבאהרין פון אחטאת (ותמורת חטאת) דיא בהמה וואס איז אויסגיטאהשט גיווארין אויף דעם חטאת (וחטאת שמתו בעליה) אונ אחטאת וואס דער בעל הבית איז גישטארבין (ימותו) זאל מען זייא אויך הרגנן (שעברה שנתה ושאבדה) אויב דער חטאת איז גיווארין עלטער ווי אייאהר אונ ער איז פאר לארין גיווארין. אונ דער בעל הבית האט אפ גישיידט איין אנדער חטאת. דער נאך איז ער גיפונען גיווארין. דער נאך האט דער בעל הבית מקריב גיוועזן דעם אנדערין חטאת. ווייל ער האט צווייא פעלערס. ער איז עלטער וויא אייאהר אונ ער איז פאר לארין גיווארין. דריבער זאל מען אים הרגנן אפילו ער איז

דמתני'. וסבר תלת לעולם מתות בין קודם כפרה בין לאחר כפרה דלעולם לא קרבי. ומסכה זו במויה בריש פ"ד דתמורה ושם פרשנוה: ב המפריש מעות לנזירתו. ולא פירש אלו לעולתי. ואלו לחטאתי. ואלו לשלמי: לא נהנים ולא מועלים. בכל אותן המעות: מפני שהן ראויין להביא כולן שלמים. כלומר דכל מעה ומעה מצינן למימר זו לשלמים הפרים. ושלמים קדשים קלים נינהו. ואין בהן דין מעילה. כדתנן בשלהי

ושנמצאת בעלת מום. אם משכיפרו הבעלים תמות. ואינה עושה תמורה. ולא נהנים ולא מועלין. ואם עד שלא כיפרו הבעלים תרעה עד שתסתאב ותמכר. ויביא בדמיה אחרת ועושה תמורה ומועלים בה: ב המפריש מעות לנזירתו לא נהנין. ולא מועלין. מפני שהן ראוין לבא כולן שלמים. מת היו סתומים. יפלו לנדבה. הי'

---

